**גליון 189**
**קדושים - תשפ"ד**

# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

## דעם רבינ'ס משלים

### אַ הַארְץ פוּן פְלֵייש

**הֶערְשִׁי: וָואס וֶועט זַיין? שׁוֹין אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן וָואס אִיךְ רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער לַיידֶער קוּקְט מִיר אוֹיס אַז אִיךְ טוּ גָארְנִישְׁט אוֹיף מִיט מַיין רֶעדְן, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?**

**וָואלְוִוי:** הֶערְשִׁי, זֵיי נִישְׁט בַּאזָארְגְט, דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס עֶס קוּמְט אִים אַרוֹיף אַזַא גֶעדַאנְק אוּן אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת, דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם אִין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן רל"ד אוּן דֶעם רֶבִּי גִיבְּט אוּנְז אוֹיךְ אַ מָשָׁל צוּ קְלָאר מַאכְן אַז דָאס וָואס דוּ טְרַאכְסְט אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן.

**הֶערְשִׁי: נָא, לָאמִיר טַאקֶע הֶערְן דִי מָשָׁל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, שְׁטֶענְדִיג אִיז גוּט צוּ הֶערְן פוּן רֶבִּי'ן...**

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז כִּמְעַט יֶעדֶעס קִינְד אִין חֵדֶר, בִּפְרָט אִין דִי וָואכְן הָאט זִיכֶער גֶעהֶערְט דִי מָשָׁל פוּן רֶבִּי עֲקִיבָא מִיט דִי טְרָאפְּנְס,

דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה, אַז מֶען זֶעט אַמָאל וִוי עֶס טְרָאפְּט טְרָאפֶּעלֶעך וַואסֶער אוֹיף אַ שְׁטֵיין, אֵיינֶער וָואס שְׁטֵייט אוּן דֶער זַייט, אָדֶער אֵיינֶער וָואס קוּמְט שׁוֹין יָארְן בַּאטְרַאכְטְן וִוי אַזוֹי דִי וַואסֶער הַאלְט אִין אֵיין רִינֶען אוֹיפְן זֶעלְבְּן שְׁטֵיין, עֶס קוּקְט אוֹיס אַז דִי וַואסֶער הָאט קַיין כֹּחַ נִישְׁט קֶעגְן דֶעם הַארְטְן שְׁטֵיין, עֶר דֶערְקֶענְט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין צֵייכְן וָואס דִי וַואסֶער טוּט קֶעגְן דֶעם הַארְטְנֶעקִיגְן שְׁטֵיין, אָבֶער... מִיט דִי צַייט, וֶוען דִי וַואסֶער רִינְט אוּן רִינְט אוּן טְרָאפְּט אַרָאפּ וָואךְ נָאךְ וָואךְ, יָאר נָאךְ יָאר, וֶוען מֶען קְלָאר זֶען אַז דִי וַואסֶער מַאכְט אַ לָאךְ אִין דֶער שְׁטֵיין.

דִי זֶעלְבֶּע גֶענוֹי אִיז אֲפִילוּ עֶס דַאכְט זִיךְ אוּנְז אַז אוּנְזֶער הַארְץ אִיז גֶעמַאכְט פוּן שְׁטֵיין, עֶר זֶעט זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אָן אַז מַיינֶע רֵייד פּוֹעֶל'ן עֶפֶּעס אוֹיף מַיין הַארְטְנֶעקִיגְן הַארְץ, אָבֶער... מִיט דִי יָארְן, **וָואלְוִוי:** אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוּן וַוייטֶער רֶעדְן אוּן בֶּעטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיגְקַייט וֶועסְטוּ זִיכֶער זֶען אַז דַיין הַארְץ וֶועט זִיךְ לֶעכֶערְן אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן, אוּן מִיר רוּפְן זִיךְ מִיט שְׁטָאלְץ אָט דֶעם נָאמֶען 'בְּרֶסְלֶב' וָואס אִיז דִי אוֹתִיּוֹת 'לֵב-בָּשָׂר' אַ הַארְץ פוּן פְלֵייש אַנְשְׁטָאט פוּן שְׁטֵיין, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דֶער מָשָׁל אַז "אֲבָנִים שָׁחֲקוּ מַיִם" דִי שְׁטֵיין וֶוערְט גֶעלֶעכֶערְט פוּן דִי וַואסֶער.

(ע"פ שִׂיחוֹת הָרַ"ן רל"ד)



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י' - פוּן דֶער בֶּערְגִיר מִיטְן אָרִימַאן (9)

**אוּן זִי אִיז גִיגַאנְגֶען** וַוייטֶער וַוייטֶער. אוּן זִי הָאט זִיךְ גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. אוּן אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען בִּיז זִי אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט **וָואס דָארְט אִיז גִיזֶעסְן דֶער בָּחוּר** הַנַּ"ל (דְהַיְינוּ דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן הַנַּ"ל) **אוּן זִי אִיז שׁוֹין דֶערְוַוייל** פַאַרְוַואקְסְן גִיוָוארְן מִיט הָאר אוּן דֶערְצוּ אִיז זִי גִיוֶוען אָנְגִיטָאן וִוי **אַ זָכָר** אִין דִי קְלֵיידֶער פוּן **אַ מַאטְרָאס** כַּנַּ"ל הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִיט דֶערְקֶענְט אֵייְנְס דָאס אַנְדֶערֶע.

**אוּן תֵּיכֶף** וִוי זִי אִיז גִיקוּמֶען. אִיז עֶר פְרֵיילֶעךְ גִיוָוארְן וָואס סֶע אִיז דָא גִיקוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְשׁ. הָאט עֶר זִי גִיפְרֶעגְט. פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט אִיךְ בִּין גֶעוֶוען מִיט אַ סוֹחֵר אוֹיף דֶעם יַם וְכוּ'. הָאט זִי אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וַואנֶען קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר אִיר אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. דָארְךְ אַ סוֹחֵר. זֶענֶען זֵיי דָארְט בֵּיידֶע גִיזֶעסְן.

**אוּן דֶער נָאךְ** וִוי דִי בַּת קֵיסָר אִיז אַוֶועק גִיחַאפְּט גִיוָוארְן פוּן דֶעם קֵיסָר כַּנַּ"ל. **הָאט דִי קֵיסֶרְ'טֶע זֵייעֶר גִיקְלָאגְט** אוּן זִי הָאט זִיךְ גִישְׁלָאגְן קָאפּ אִין דֶער וַואנְט. אוֹיף דֶעם וָואס אִיר טָאכְטֶער אִיז פַארְפַאלְן גִיוָוארְן.

**אוּן זִי הָאט דֶעם קֵיסָר** זֵייעֶר גִיגֶעסְן מִיט רֵייד. זִי הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. **אִיבֶּער דַיין גַדְלוּת.** הָאסְטוּ דֶעם בָּחוּר אוֹיס גִיבְּרַאכְט. אוּן הַיינְט אִיז **אוּנְזֶער טָאכְטֶער פַארְלָארְן גִיוָוארְן.** אוּן זִי הָאט גִיזָאגְט. זִי אִיז זִיךְ גִיוֶוען גָאר אוּנְזֶער מַזָל אוּן גָאר אוּנְזֶער הַצְלָחָה. **הַיינְט** הָאבְּן מִיר זִי פַארְלָארְן. וָואס אִיז מִיר שׁוֹין גִיבְּלִיבְּן **הַיינְט.** אוּן זִי הָאט אִים זֵייעֶר גִיגֶעסְן.

**אוּן אִים אַלֵיין** אִיז זִיךְ בְּוַודַאי אוֹיךְ זֵייעֶר בִּיטֶער גִיוֶוען דָאס וָואס דִי טָאכְטֶער אִיז פַארְפַאלְן גִיוָוארְן דֶערְצוּ הָאט דִי קֵיסֶרְ'טֶע אִים זֵייעֶר גִיגֶעסְן אוּן זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט. אוּן סֶע גִיוָוארְן גְרוֹיסֶע קְרִיג אוּן עֶסִינִישׁ צְוִוישְׁן זֵיי.

**אוּן זִי פְלֶעגְט אִים רֵיידְן** דְבָרִים רָעִים בִּיז זִי הָאט אִים זֵייעֶר דֶערְצֶערְנְט. בִּיז עֶר הָאט זִי גִיהֵייסְן **פַארְשִׁיקְן.** אוּן עֶר הָאט גִיזֶעצְט דַיָינִים אוֹיף אִיר. הָאבְּן זֵיי גִיפַּסְקֶ'ט אַז מֶען זָאל זִי **פַארְשִׁיקְן.** הָאט מֶען זִי **פַארְשִׁיקְט.**

**דֶערְנָאךְ** הָאט דֶער קֵיסָר גִישִׁיקְט אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין. אוּן עֶר הָאט נִיט מַצְלִיחַ גִיוֶוען. הָאט עֶר דָאס אָנְגִיהָאנְגֶען אִין אַ יֶעדְנִירַאל. וַוייל דוּ הָאסְט אַזוֹי גִיטָאן דְרִיבֶּער הָאסְטוּ אָנְגִיוָוארְן דִי מִלְחָמָה. הָאט עֶר **דֶעם יֶעדְנִירַאל פַארְשִׁיקְט.** דֶערְנָאךְ הָאט עֶר וִוידֶער גִישִׁיקְט אִין דֶער מִלְחָמָה אַרַיין. אוּן הָאט וִוידֶער נִיט מַצְלִיחַ גִיוֶוען הָאט עֶר וִוידֶער **פַארְשִׁיקְט יֶעדְנִירַאלְן** אוּן אַזוֹי הָאט עֶר **פַארְשִׁיקְט כַּמָה יֶעדְנִירַאלְן.**

**הָאט דִי מְדִינָה גִיזֶעהְן** אַז עֶר טוּט וִוילְדֶע זַאכְן פְרִיר הָאט עֶר **פַארְשִׁיקְט דִי קֵיסֶרְ'טֶע.** דֶערְנָאךְ יֶעדְנִירַאלְן. הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה) טָאמֶער פַארְקֶערְט. מֶען זָאל **שִׁיקְן נָאךְ דֶער קֵיסֶרְ'טִי.** אוּן אִים זָאל מֶען **פַארְשִׁיקְן.** אוּן דִי קֵיסֶרְ'טֶע זָאל פִירְן דִי מְדִינָה. **הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן **הָאבְּן דֶעם קֵיסָר פַארְשִׁיקְט.** אוּן **דִי קֵיסֶרְ'טֶע הָאבְּן זֵיי צוּרִיק גִינוּמֶען.** אוּן **זִי הָאט גִיפִירְט דִי מְדִינָה.**

**אוּן דִי קֵיסֶרְ'טֶע** הָאט תֵּיכֶף גִישִׁיקְט אַז מֶען זָאל וִוידֶער צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דֶעם בֶּערְגֶער מִיט זַיין וַוייבּ דִי בֶּערְגֶערן (וָואס דֶער קֵיסָר הָאט זֵיי מַשְׁפִּיל גִיוֶוען אוּן הָאט זֵיי גִימַאכְט פַאר אָרִימֶע לַייט כַּנַּ"ל) אוּן זִי הָאט זֵיי אַרַיין גִינוּמֶען אִין אִירֶע פַּאלַאצְן.

און דֶער קֵיסֶר. וִוי עֶר אִיז פַארְשִׁיקְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און הָאט גִיבֶּעטִין דִי וָואס הָאבִּין אִים גִיפִירְט. אַז זֵיי זָאלִין אִים לָאזִין. וָוארִין אִיךְ בִּין זִיךְ פָארְט גִיוֶוען אַייעֶר קֵיסֶר. און אִיךְ הָאבּ אַייךְ בְּוַודְאַי גִיטָאן טוֹבוֹת. הַיינְט. טוּט מִיר דָאס צוּלִיבּ און לָאזְט מִיךְ גֵיין. וָוארִין אִיךְ וֶועל זִיךְ מִיךְ שׁוֹין בְּוַודְאַי נִיט אוּם קֶערִין צוּ דֶער מְדִינָה. הָאט אִיר קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. לָאזְט מִיךְ. לָאם אִיךְ מִיר גֵיין. לָאם אִיךְ כָאטְשֶׁע פְּרַיי זַיין דָאס בִּיסְל לֶעבִּין וָואס אִיךְ הָאבּ נָאךְ צוּ לֶעבְּן.

הָאבִּין זֵיי אִים גִילָאזְט. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען און גִיגַאנְגֶען. דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָּה שָׁנִים און דֶער קֵיסֶר אִיז גִיגַאנְגֶען און גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.

הָאט דֶער וִוינְט דִי שִׁיף אוֹיךְ אַוֶועק גִיטְרָאגִין. און עֶר אִיז אוֹיךְ גִיקוּמֶען צוּ דֶער מִדְבָּר הַנַּ"ל. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם אָרְט וָואס זֵיי בֵּיידֶע זֶענֶען דָארְט גִיזֶעסִין (דְהַיינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגִירְס זוּן. און זַיין טָאכְטֶער דִי יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי אַ זָכָר)

הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט דֶערְקָאנְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע. וָוארִין דֶער קֵיסֶר אִיז שׁוֹין פַארְוַואקְסְן גִיוָוארִין מִיט הָאר און סֶע אִיז שׁוֹין אַוֶועק גִיגַאנְגֶען כַּמָּה שָׁנִים און זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אוֹיךְ פַארְוַואקְסִין גִיוָוארִין מִיט הָאר כַּנַּ"ל.

הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט פוּן וַואנֶעט קוּמְסְטוּ אַהֶער. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט דוּרְךְ אַ סוֹחֵר. און אַזוֹי זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיעֶנְפֶערְט. זֶענֶען דִי דְרַיי דָארְט גִיזֶעסִין אִין אֵיינֶעם. און הָאבִּין דָארְט גִיגֶעסִין און גִיטְרִינְקֶען. כַּנַּ"ל.

און זֵיי הָאבִּין דָארְט גִישְׁפִּילְט אוֹיף כְּלֵי שִׁיר. וָוארִין זֵיי אַלֶע הָאבִּין גִיקֶענְט שְׁפִּילִין. וָוארִין דֶער אִיז אַ קֵיסֶר. און אַזוֹי זֵיי הָאבִּין אוֹיךְ גִיקֶענְט שְׁפִּילִין. און עֶר דְהַיינוּ דֶער בָּחוּר. עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער בֶּרְיָה צְוִוישְׁן זֵיי. וָוארִין עֶר אִיז שׁוֹין דָארְט גִיוֶוען פוּן לַאנְג. און עֶר פְלֶעגְט זֵיי צוּ בְּרֶענְגֶען פְלֵייש הָאבִּין זֵיי גִיגֶעסִין. און זֵיי פְלֶעגִין דָארְט בְּרֶענֶען הָאלְץ וָואס סֶע אִיז טַייעֶרֶער גִיוֶוען פוּן גָאלְד אִין יִישׁוּב.

פְלֶעגְט זֵיי דֶער בָּחוּר צוּ דְרִינְגֶען אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין דִי יָארִין. וֶועדְלִיג דָאס גוּטְץ וָואס מֶענְטְשִׁין הָאבִּין אוֹיף דֶער וֶועלְט אִין יִישׁוּב. אִיז בֶּעסֶער אַז מֶען זָאל דָא זִיצִין. מֶען זָאל דָא אִיבֶּער לֶעבִּין דִי וֶועלְט. הָאבִּין זֵיי אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס פַאר אַ גוּטְץ הָאסְטוּ דֶען גִיהַאט אַז דוּ זָאגְסְט אַז דָא אִיז פַאר דִיר בֶּעסֶער. הָאט עֶר זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. און הָאט זֵיי דֶערְצֵיילְט. וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן וִוי עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִירְס זוּן וְכוּ' בִּיז עֶר אִיז אַהֶער גִיקוּמֶען און וָואס אִיז אִים דְרוֹיס גִיקוּמֶען וָואס עֶר אִיז גִיוֶוען אַ בֶּערְגִירְס זוּן. עֶר הָאט גִיהַאט כָּל טוּב. דָא הָאט עֶר אוֹיךְ כָּל טוּב. (אַזוֹי הָאט דֶער בָּחוּר אַלְץ צוּ זֵיי גִיזָאגְט) און עֶר הָאט זֵיי גִידְרוּנְגֶען אַלְץ אַז דָא אִיז גוּט אִיבֶּער צוּ לֶעבִּין דִי וֶועלְט.

הָאט אִים דֶער קֵיסֶר גִיפְרֶעגְט. הָאסְטוּ גִיהֶערְט פוּן דֶעם קֵיסֶר. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט עֶר הָאט גִיהֶערְט. הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיף דֶעם יְפַת תּוֹאַר. אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן אִיר. הָאט עֶר אִים אוֹיךְ גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא.

הָאט דֶער בָּחוּר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידִין מִיט כַּעַס און הָאט גִיזָאגְט. דֶער רוֹצֵחַ. (אַזוֹי וִוי אֵיינֶער קְרִיצְט מִיט דִי צֵיין אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין אַזוֹי הָאט דֶער בָּחוּר גִיזָאגְט מִיט כַּעַס אוֹיף דֶעם קֵיסֶר וָואס זֵי הָאבִּין פוּן אִים גִשְׁמוּסְט. וָוארִין עֶר הָאט נִיט גִיוואוּסְט אַז דֶער קֵיסֶר אַלֵיין שְׁמוּסְט מִיט אִים)

הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. פַארְוָואס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט. אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיוֹת און אִיבֶּער זַיין גַסוּת בִּין אִיךְ אַהֶער גִיקוּמֶען. הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. וִוי אַזוֹי אִיז דָאס גִיוֶוען. הָאט זִיךְ דֶער בָּחוּר מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. דָא הָאט עֶר זִיךְ פַאר קֵיינֶעם קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין. הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט און הָאט אִים דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן.

הָאט עֶר אִים גִיפְרֶעגְט. אַז דֶער קֵיסֶר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער הַאנְט אַרַיין וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים הַיינְט נוֹקֵם גִיוֶוען. הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט נֵיין (וָוארְן עֶר אִיז גִיוֶוען אֵיין גוּטֶער אֵיין רַחְמָן) אַדְרַבָּא אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי מְפַרְנֵס גִיוֶוען. וִוי אִיךְ בִּין דִיךְ מְפַרְנֵס.

נאמען: ___________

# לאמיר זיין פאר'ן הערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אָרימאַן (9)

**א. צו וואו איז אנגעקומען די טאכטער פון קיסר ווען זי איז אנטלאפן פונעם רוצח?**

- ❑ צוריק צום קעניג'ליכן פאלאץ
- ❑ צו די פלאץ וואו דער קעניג געפינט זיך דארט
- ❑ צו די פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר געפינט זיך דארט

**ב. וואס האט די קיסר'טע געטון נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**

- ❑ זי איז געזיצן און געוויינט
- ❑ זי האט זייער געקלאגט און זיך געשלאגן קאפ אין דער וואנט
- ❑ זי האט געבעטן פון אירע באדינערס מ'זאל איר גיין זוכן

**ג. וואס האט די קיסר'טע געטון פארן קיסר נאכדעם וואס מ'האט אוועק גענומען איר טאכטער?**

- ❑ זי האט געשריגן אויף אים
- ❑ זי האט אים געגעסן מיט רייד
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וואס האט דער קיסר געטון פאר די יעדניראלן?**

- ❑ אראפגענידערט זייער פאסטן
- ❑ זיי פארשיקט
- ❑ געשריגן אויף זיי

**ה. וואס האט מען געטון פאר דעם קיסר נאכן פארשיקן די יעדניראלן?**

- ❑ מ'האט אים פארשיקט
- ❑ מ'האט אים גע'הרג'ט
- ❑ מ'האט אים אריין געווארפן אין ים

**ו. וואו אהין איז דער קיסר אנגעקומען?**

- ❑ צו דער פלאץ וואו דער רוצח געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער בערגיר געפינט זיך
- ❑ צו דער פלאץ וואו דער זוהן פון בערגיר און די טאכטער פון קיסר געפינען זיך

**ז. וואס האבן געטון אין מדבר דער קעניג און די בת קיסר און דער זוהן פון בערגיר?**

- ❑ געשפילט אויף כלי שיר
- ❑ זיך געפרייעט און געטאנצט
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ח. וועלכע האלץ פלעגן זיי ברענען דארטן?**

- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון זילבער אין ישוב
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון דיימאנטן אין ישוב
- ❑ האלץ וואס איז טייערער פון גאלד אין ישוב

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**

- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

**ווער פון די דריי** (דער קיסר, דער זון פונעם בערגיר, די בת קיסר) **זענען געקומען צום מדבר וועגן א רוצח?**

## תשובות אויף די פריערדיגע וואך

**וואס האט דער רוצח געזוכט ? - ער האט דאס געטראפון ?**

.1 - הָאט דֶער רוֹצֵחַ דָארְט גִיזוּכְט כָאטְשֶׁע אַ קְלֵיין שִׁיפְל פוּן דִי וָואס חַאפְּן פִּישׁ כְּדֵי עֶר זָאל מִיט אִיר אַרִיבֶּער. הָאט **עֶר גִיפוּנֶען** אַ שִׁיף.

.2 - אוּן דֶער גַזְלָן הָאט **זִי** (די בת קיסר) **גִיזוּכְט** אַהִין אוּן אַהֶער אוּן עֶר הָאט זִי **נִיט גִיקָאנְט גִיפִינֶען.**

### דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִשְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com